דער טונקעלער
דער ציַיטונגס-פֿאַרקויפֿער

פֿון: ספר התמורות וקפֿנדקיות הספרותיות

דער "היַינט"-לייענער גייט אַרויס. עס קומט דער "מאָמענט"-לייענער, אַ לאַנגער דאַרער ייִד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ בכבֿודיקן שפּאַלט פֿון הינטן, מיט אַ חסידיש קליין היטל אויפֿן קאָפּ. אַ לאַנגע שמאָלע באָרד.

**"מאָמענט"-לייענער:** דעם "מאָמענט".

**דרייער:** דעם "מאָמענט"? שוין, די רגע, איר קריגט (רייַבט פֿון שׂימחה די הענט). איר לייענט, הייסט עס, דעם "מאָמענט"?

**"מאָמענט"-לייענער:** יאָ, איך בין אַ "מאָמענט"-לעזער.

**דרייער:** האָט איר דאָך מײַן געשמאַק, מיט מײַן פּאָליטישער ליניע, מיט מײַן דיאַגנאָז. איך בין אויך אַ לעזער פֿון "מאָמענט" און אַ שטאַרקער לעזער; מחמת איך אַליין בין אַ פֿאַרברענטער "אומפּאַרטייִישער מענטש" און האַלט פֿון אחדות און שלום. די אמתע שרייַבער האָט דער "מאָמענט". יעדער זאָגט זיך דאָרט אַרויס זייַן שטאַנדפּונקט און זייַן דיאַגנאָז. ווילסטו, האָסטו דאָרט אַזאַ דיאַגנאָז; ווילסטו — אַן אַנדערן דיאַגנאָז. פֿרייַע ליבע! און די אמתע ידיעות האָט אויך דער "מאָמענט". מעג איך, למשל, איבערלייענען אַלע צייַטונגען, נאָר איך האָב נאָך נישט געלייענט דעם "מאָמענט", בין איך עפּעס נישט דאַסיק. עפּעס בין איך נישט זאַט... אַ ווערטעלע צו זאָגן, דעם "מאָמענט"ס שרייַבער! זיי צעקייַען דאָך אייַך יעדעס וואָרט, און לייגן אייַך אַרייַן אין מויל. ס'איז נישט דער פּאַרטייִישער "היַינט" מיט זייַן ציוניסטיש קרעמעלע, מיט זייַן הילצערנער עבֿרי, מיט זייַנע סקאַנדאַלן און אָנפֿאַלן; אָדער די לאָבוזעוואַטע "פֿאָלקסצייַטונג", און נישט דער מאָשעק, דער "נאַש פּשעגלאָנד" וואָס זייט אַסימילאַציע; אָדער דער "עקספּרעס", מיט זייַן ניבול-פּה, מיט זייַן "מאַניקוזשיסטקע". פֿע!... זאָל איך עס אייַך אייַנוויקלען, אָדער איר וועט עס נעמען אַזוי? נו, האָט מיר אַ גוטן און גייט געזונטערהייט, און זאָל זייַן אחדות בייַ ייִדן, אָמן סלע!

עס קומט אַרייַן אַ "נאַש פּשעגלאָנד"-לעזער, אַ יונגער-מאַן אָן אַ היטל, אין ווייַסע הויזן, מיט אַ לאַנגער נאָז.

**"נאַש פּשעגלאָנד"-לייענער:** דזיען דאָברי. טשי מאַטשע "נאַש פּשעגלאָנד"?

**דרייער:** אַ! דזיען דאָברי, פּאַניע שמענדריקאָן! (לויפֿט אים אַנטקעגן). "נאַש פּשעגלאָנד"? אָושעם. פּאַן יעסט יעדיני קולטוראַלני טשלאָוויעק ז' דיאַגנאָזעם! פּאַן ניע טשימאַ אַד ושאַרגאָנו! יאַ טיזש! פּאַן ניע לוביע שמאָנצעסוו? יאַ טיזש... פּראָשען פּאַנאַ, טען "נאַש-פּשעגלאָנד" ניע יעסט דליאַ קאַפּאָטיאַזשעי, אַ דליאַ פּאַסטעמפּיע. טאָ דאַיע, ז' פּשעפּראָשעניעם, שוויאַטלאָ, אי ציוויליזאַציע, אי נאַציאָנאַליזמוס טיזש. פּאַן

כצע וויעדזיטש, קעדי בענדזשע "שעדעמנאַסטיע איוו טאַמוז" אי פאַסטאַוויש "עיירוב טאַושילי"? טו יעסט; קעדי מאַמי "אַדנאַוויטש קושענדזיצאַ"? טו יעסט. טו פישאַן ז' "ראַבינאַטאַ". טאַקי קאַוואַלקי פיערשאַ קלאַסאַ!... פראַשען פאַנאַ, טען "נאַש פשעגלאַנד" יעסט וויעלקי פאַטריאָטאַ; אי באַרדזאָ וויקסשטאַלצאַני אָרגאַן. טאַ ניע יעסט "היינט" אי "מאָמענט"... טפּו! זאַפאַקאַוואַטש, פאַניע, טשי פאַן שעבי טאַק וועזשמיע?... דאַווידזעניאַ! מאַיע אושאַנאָוואַניע!

דער "נאַש פשעגלאַנד"-לייענער גייט אַרויס און עס קומט אַריַין אַ פריִשער פאַרשוין מיט אַ ביינערדיק, שלעכט ראַזירט פּנים; אַ וועלאָסיפּעד-היטל אויפן קאָפּ. בלוי-אָדערדיקע האַרטע הענט, מיט אַ סענקאָוואַטן שטעקל און אַן אָפּגעטראָגענער בעל-מלאָכהשער מאַרינאַרקע.

| | |
|---|---|
| "פאָלקסצייטונג"-לייענער: | צי האָט איר אַ "פאָלקסצייטונג"? |
| דרייער: | אַ שיינע שאלה, איך מוז אייַך זאָגן, פאַני חבר... איר זענט דאָך מסתּמא אַ בונדאָוויעץ, אַ יאָ? |
| "פאָלקסצייטונג"-לייענער: | יאָ. |
| דרייער: | בין איך טאַקע אויך אַ פאַרברענטער בונדאָוויעץ, — און רוקט אַריַין אַ יד! אָט אַזוי... חבריש (פּאַטשן זיך אין די הענט). יאָ... אַז דאָס איינציקע שטיקל נחמה איז דאָס, וואָס איך האַלט די "פאָלקסצייטונג". די איינציקע ערלעכע, נישט פאַרקויפטע אַרבעטער-צייטונג מיט דעם פּראָלעטאַרישן דיאַגנאָז. וואָרעם די גאַנצע פּרעסע איז דאָך ביַי אונדז אַ פאַרקויפטע. וועט איר דאָך פרעגן, ווי קומט צו מיר די דאָזיקע בירגערלעכע פּרעסע? דער בלוי-שוואַרצער "היינט" מיט זיַין ציוניסטיש קרעמל, און אָט דער געלער "מאָמענט" מיט זיינע שונדראָמאַנען, און אָט דאָס גאַסנבלעטל מיט דעם אַסימילאַטאָרישן "נאַש פשעגלאַנד" מיט דער גאַסן-שמאַטע דער "עקספּרעס" מיט איר "מאַניקוזשיסטקע"? איז, וואָס זאָל מען טאָן, חבר? די ביטערע פּרנסה... מיר וועלן זיי אָבער באַקעמפן! נאַפּליעוואַט! מיר דאַרפן נאָר היטן אונדזער דיאַגנאָז: קויפן, לעזן און פאַרשפּרייטן די "פאָלקסצייטונג" — און וויַיטער גאָרנישט!... זאָל איך אייַך אים איינלייגן? אָדער איר וועט עס נעמען אַזוי? אַדיע, חבר. מיַין סאָציאַליסטישן גרוס! אַדיע, עס לעבע! |

דער "פאָלקסצייטונג"-לעזער גייט אַרויס, און עס קומט אַריַין אַ נייַער פאַרשוין, אַן "עקספּרעס"-לעזער, אַ פירקאַנטיק האַרט גופל אויף אַ שטייפן קורצן האַלדז, דאָס פּנים מיט קלייַען; אַ פּלאַטשיק-געוועגטענער קאַשקעט, אַרויפגערוקט אויפן פּאַטילניצע;